אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת נשא תשפ"ד

גליון 469

## אמרות שמשון

### אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות

**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אִישׁ אִישׁ כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ וּמָעֲלָה בוֹ מָעַל** (ה, יב). חז"ל (סוטה ג.) דרש'ענען פונעםווארט **כִּי תִשְׂטֶה**, 'אין אדם עובר עבירה, אלא אם כן נכנס בו רוח שטות' (תשטה איז מלשון 'שטות', עיי"ש במהרש"א).

**עס** שטייט אין חז"ל (ברכות סג.) דער וואס איז נישט אפגעהיטן צו געבן תרומות און מעשרות פארן כהן, וועט צום סוף דארפן אנקומען זיך צו שטעלן פארן כהן, דורך זיין פרוי וואס וועט ווערן א סוטה.

**אזוי** אויך שטייט אין חז"ל (ברכות לה:) דער חילוק צווישן די פריערדיגע דורות און די שפעטער'דיגע דורות. די פריערדיגע דורות האבן אריינגעברענגט זייער פירות דורך די הויפט אריינגאנג, דורכדעם זענען די פירות געווארן מחויב מיט מעשר (אזוי ווי די גמרא דרש'נט דארט, אז די פירות ווערן נאר מחויב מיט מעשר, אויב עס איז אריינגעקומען אין שטוב, דורך די הויפט אריינגאנג), און דורכן געבן מעשר איז אריינגעקומען א ברכה אין זייער פירות. דאקעגן די שפעטער'דיגע דורות האבן אריינגעברענגט די פירות דורך זייטיגע טירן, כדי עס זאל נישט ווערן מחויב מיט מעשר, און זיי האבן נישט געהאט די ברכה.

**לויט** די אויבנדערמאנטע מאמרי חז"ל קען מען אריינטייטשן אין פסוק (משלי יד, כד) **עֲטֶרֶת חֲכָמִים עָשְׁרָם אִוֶּלֶת כְּסִילִים אִוֶּלֶת**. צוערשט זאגט דער פסוק **עֲטֶרֶת חֲכָמִים עָשְׁרָם**, דאס גייט ארויף אויף די חכמים וואס האבן מקיים געווען מצות מעשר, און האבן אריינגעברענגט זייערע פירות דורך די הויפט אריינגאנג, וואס דאס האט זיי געברענגט ברכה און עשירות, און דאס איז פאר זיי - **עֲטֶרֶת** - א קרוין, אלס א סימן אז זיי האבן מקיים געווען די מצוה ווי עס דארף צו זיין.

**אבער אִוֶּלֶת כְּסִילִים**, דאס איז די נארישע מענטשן, וואס האבן נישט מקיים געווען ריכטיג מצות תרומות און מעשרות, זיי האבן עס אריינגעברענגט דורך א זייטיגע טיר, **אִוֶּלֶת** דאס האט צוגעברענגט נאך א נארישקייט (אזוי ווי עס שטייט אין די אויבנדערמאנטע חז"ל 'אין אדם עובר עבירה אא"כ נכנס בו רוח שטות') אז זייערע ווייבער זענען געווארן 'סוטות' וואס קומט אלס עונש וואס מען האט נישט געברענגט תרומות און מעשרות פארן כהן. (אות ג')

## א מאן וויל נישט פארשעמען זיין פרוי און וועט ענדערש געבן א גט

**וְאִם לֹא נִטְמְאָה הָאִשָּׁה וּטְהֹרָה הִוא וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע** (ה, כח). די גמרא (סוטה כו.) ברענגט אז רבי עקיבא דרש'ענט פונעם פסוק **וְנִזְרְעָה זָרַע**, אויב האט זי טאקע נישט געזינדיגט וועט זי געהאלפן ווערן, אז אויב איז זי געווען א 'עקרה' און נישט געקענט געבוירן קיין קינדער, וועט זי יעצט געהאלפן ווערן מיט קינדער.

**האט** אים רבי ישמעאל געפרעגט, אויב אזוי וועלן אלע עקרות ווערן סוטות (און נישט באמת זינדיגן), כדי מען זאל זיי אנטרינקן די וואסער, און זיי וועלן געהאלפן ווערן מיט קינדער. נאר דער פשט איז - זאגט רבי ישמעאל - אויב ביז יעצט האט זי געבוירן קינדער מיט צער, וועט זי געבוירן אן צער, און אויב האט זי געבוירן ביז יעצט נקבות, וועט זי געבוירן זכרים (עיי"ש).

**פרעגט** תוספות (ד"ה א"ל), אפילו לויט ר' ישמעאל קען מען פרעגן די זעלבע זאך, אז אלע פרויען וואס האבן געהאט קינדער בצער, וועלן ווערן סוטות, כדי זיי זאלן פון יעצט און ווייטער געבוירן קינדער אן צער.

**און** תוס' ברענגט א תירוץ, אז א פרוי וואס האט קינדער וועט עס נישט טון, ווייל זי וועט מורא האבן אז איר מאן וועט איר ענדערש גלייך געבן א 'גט' ווי איידער גיין אין ביהמ"ק און אנטרינקן די וואסער. [דאקעגן א פרוי וואס איז א עקרה און האט נישט קיין קינדער, האט נישט וואס צו דערלייגן, ווייל איר מאן קען איר געבן א גט וויבאלד זי האט נישט קיין קינדער. דעריבער האט זיך ר' ישמעאל געדינגן מיט ר' עקיבא].

**אבער** לכאורה דארף מען פארשטיין דער תירוץ פון תוס', פארוואס זאל א פרוי - וואס האט קינדער - מורא האבן אז איר מאן וועט איר גלייך געבן א גט ווי איידער אנצוטרינקן די וואסער, עס וועט דאך נישט זיין גוט פאר די קינדער אויב זיי זענען קינדער פון א גרושה (עיין נדרים סו.), איבערהויפט ווען דער מאן האט א אנדערע ברירה פון איר געבן וואסער אנשטאט געבן א גט.

**מען** קען ענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (נדרים עה.) 'אין אדם רוצה שתתבייש אשתו בבית דין', איבערהויפט ווען עס קומט צו א סוטה וואס ווערט זייער פארשעמט ווען מען טרינקט איר אן די וואסער אין בית המקדש (ראה רש"י ה, יח, ד"ה ופרע).

**דעריבער** וועט א מאן ענדערש וועלן געבן א גט טראץ וואס עס וועט נישט זיין אזוי גוט פאר די קינדער, ווי איידער איר ברענגן אין בית המקדש, וואס דארט וועט די בזיונות פאר די פרוי זיין אסאך גרעסער. (אות ד' ד"ה והקשו)



הגיע! אנגעקומען!
חדש! ספר זרע שמשון יום יום באידיש
להשיג בכל חנויות הספרים
תורמים ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
https://www.zerashimshon.co.il/donation/

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לעילוי נשמת

מזכה הרבים ועוסק
בצדקה וחסד לרוב
רבי ניסים בן שרה ז"ל
מוגרבי
נלב"ע י"ג סיון תשפ"ה
הוקדש על ידי בנו ישעיה בן צלחה להצלחה
ולבשורות טובות בקרוב

האשה הצדקנית מרת
ברכה איידל רחל
זילברברג ע"ה בת
הרה"ג רבי יעקב חיים
ישראל ברגר זצ"ל
אבד"ק קהילת אהבת ישראל קליבלנד
נלב"ע ז' סיון תשס"ב

משה אהרון בן שמעון ז"ל
נלב"ע י"א סיון תשע"ד

האשה החשובה
חיה פעסא בת
ר' לייב ע"ה
נלב"ע י"ד סיון תשפ"ה

דניאל בן משה יהודה ז"ל
נלב"ע ח"י סיון תשפ"ה

אליהו חיים בן דוד ז"ל
נלב"ע כ' סיון תשמ"ט

מרת שיינדל בת צבי
הירש בראון ע"ה
נלב"ע י"ג סיון תשפ"ד

האשה הצדקנית
דורה בת אסתר ע"ה
נלב"ע י"ט תשרי תשפ"ו

עובד ה' ומזכה הרבים
רבי בנימין בן חביבה
יוספה שרה שרוגו זצ"ל
נלב"ע י"ג טבת תשפ"ו

ת.נ.צ.ב.ה.

ברכות וישועות

רפאל דוד בן נעמי
שיצליח בפרנסה בשפע ברכה והצלחה
ויזכה לנחת מכל ילדיו ושימצא שידוך בקרוב
ממש מאוד ושימלא ה' כל משאלות לבו
לטובה ויצליח בכל אשר הוא עושה

מיכל דבורה בת
בת שבע רחל
לשידוך הגון בקרוב ובנקל

אליהו חיים
בן בת שבע רחל
שיצליח בתורה ובלימודו ויהיו לו חברים טובים
ומידות טובות ויראת שמים ויצליח בישיבה.

שאול בן רחל
שיזכה לשנים רבות טובות ומתוקות בעושר
וכבוד ובבריאות איתנה לעבודתו יתברך

ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בעסקיו בלי גבול ומדה ויסורו כל
המחסומים והעיכובים ויזכה לפרוץ ימה
וקדמה צפונה ונגבה בלי גבול ובלי מדה עושר
גדול מתוך נחת

מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה
פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש
בלי שום הפרעות ורדיפות
ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש

אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל עושר ואושר
ובשורות טובות בקרוב שמזלו יאיר לו ויפתחו בפניו
כל השערים ויסורו המפריעים והמקטרגים





## פרק א משנה א

**מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ וִיהוֹשֻׁעַ לִזְקֵנִים וּזְקֵנִים לִנְבִיאִים וּנְבִיאִים מְסָרוּהָ לְאַנְשֵׁי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה. הֵם אָמְרוּ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים, הֱווּ מְתוּנִים בַּדִּין, וְהַעֲמִידוּ תַלְמִידִים הַרְבֵּה וַעֲשׂוּ סְיָג לַתּוֹרָה.**

### משה רבינו איז מקבל די תורה ביים 'בארג סיני'

לכאורה דארף מען פארשטיין די לשון המשנה 'משה קיבל תורה מסיני', פארוואס שטייט אז משה רבינו האט מקבל געווען די תורה 'מסיני' (פון בארג סיני), עס וואלט ענדערש געדארפט שטיין אז משה רבינו האט עס מקבל געווען פונעם 'אויבערשטן' (משה קיבל תורה מה').

מען קען ענטפערן אז אויב וואלט געשטאנען אז משה רבינו האט מקבל געווען די תורה פונעם אויבערשטן, וואלט מען געקענט מאכן א טעות און זאגן, אז אלעס וואס ער האט געלערנט און מקבל געווען דורכאויס די פערציג טעג וואס ער איז געווען אין הימל, האט זיך נישט געהאלטן ווען ער איז צוריק אראפגעקומען אויף די וועלט, און עס איז פארהוילן געווארן פון אים די סודות התורה וואס ער האט דארט געלערנט. ווייל דארט איז ער געווען גענצליך אפגעשיידט פון גשמיות, און די סודות התורה האבן זיך נישט געקענט האלטן ווען ער איז צוריק אראפגעקומען צו די גשמיות'דיגע וועלט.

דעריבער זאגט דער תנא 'משה קיבל תורה מסיני', אז די תורה האט ער מקבל געווען ביים בארג סיני, וואס איז אויף די וועלט. צו לאזן הערן אז משה רבינו וואס איז א בשר ודם האט באקומען די תורה אויפן בארג סיני וואס איז אויף די וועלט, און די שכינה איז דארט אראפגעקומען און געגעבן די תורה פאר כלל ישראל.

**נאך** א תירוץ, אז די סיבה פארוואס משה רבינו האט זוכה געווען צו מקבל זיין די תורה איז דווקא צוליב די 'מעמד הר סיני'. ווייל אין אנהייב איז געווען א גזירה אז 'עליונים' (די וואס געפינען זיך אויבן אויף יענע וועלט) קענען נישט אראפקומען אויף די וועלט. און דאס זעלבע פארקערט, די 'תחתונים' (די וואס געפינען זיך אויף די וועלט) קענען נישט ארויפקומען אויף יענע וועלט.

אבער ווען ס'איז געקומען צו מעמד הר סיני, און דער אויבערשטער איז אראפגעקומען אויף די וועלט און געגעבן די תורה, איז בטל געווארן די גזירה, אזוי אז נאכדעם האט שוין משה רבינו געקענט ארויפגיין אין הימל פאר פערציג טעג און לערנען תורה פונעם אויבערשטן, און מגלה זיין די אור תורה אויף די וועלט.

### שייכות פון די דריי זאכן

מען קען ערקלערן די שייכות פון די דריי זאכן: 'הוו מתונים בדין', 'העמידו תלמידים הרבה', און 'עשו סייג לתורה'. אז דאס איז מרומז אין די דריי זאכן וואס חז"ל זענען מרמז אין דאס ווארט 'אנכי' ה' אלקיך (שבת קה.).

דער ערשטער רמז וואס חז"ל זענען מרמז אין דאס ווארט 'אנכי': **א**'נא **נ**'פשי **כ**'תבית **י**'הבית, אז כביכול דער אויבערשטער אליינ'ס האט געגעבן די תורה. און אנטקעגן דעם זאגט מען 'הוו מתונים בדין', מען דארף זיין דורכגעטראכט און פסק'ענען ריכטיג, ווייל אויב נישט (און מ'וועט פסק'ענען שלא על פי דין תורה) וועט דער אויבערשטער צוריק נעמען די תורה (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש שמות רבה ל, ג ועיי"ש).

אנטקעגן דער צווייטער רמז אין דאס ווארט 'אנכי': **א**'מירה **נ**'עימה **כ**'תיבה **י**'היבה, די תורה וואס איז געשמאק איז געגעבן געווארן פאר כלל ישראל. איז מרמז די הלכה 'העמידו תלמידים הרבה', די וועג ווי אזוי מען קען ציען די הערצער פון תלמידים איז דורכדעם וואס מען ווייזט זיי אז די תורה איז זיס און געשמאק.

און אנטקעגן דער דריטער רמז: **י**'היבה **כ**'תיבה **נ**'אמנין **א**'מריה, אז די תורה איז געגעבן געווארן בכתב און נישט בעל פה (דאס הייסט אז די תורה וואס איז געגעבן בכתב, טאר מען עס נישט זאגן בעל פה, כדי עס זאל נישט פארטוישט ווערן פון די פונקטליכקייט, מהרש"א). זאגט מען אויף דעם, 'עשו סייג לתורה', מען זאל מאכן גדרים און סייגים, כדי מען זאל נישט עובר זיין אויף די תורה, און קענען מקיים זיין די תורה מיט א פונקטליכקייט.

### זיין געלאסן מיטן פסק אפילו אויב ער איז זייער קלאר

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס דארפן אונז חז"ל זאגן 'הוו מתונים בדין', אז מען דארף זיין דורכגעטראכט און פסק'ענען מיט א געלאסנקייט. אונז ווייסן דאס שוין פונעם פסוק (ישעיה א, יז) 'אשרו חמוץ', וואס חז"ל דרש'ענען דערפון 'אשרו המחמיץ את הדין', וואויל איז דער דיין וואס נעכטיגט איבער מיט זיין פסק דין, כדי ער זאל קענען פסק'ענען ריכטיג און אמת'דיג.

מען קען ענטפערן, אז פון דער פסוק לערנט מען טאקע ארויס אז מען דארף זיין געלאסן כדי צו קענען אנקומען צו די אמת'ע פסק דין. אבער די אנשי כנסת הגדולה לערנען אונז אויס, אז אפילו אויב דער דיין איז זייער גרויס און איז זייער קלאר מיט זיין פסק און האט נישט קיין שום ספק. פונדעסטוועגן דארף ער נאכאלץ זיין געלאסן און איבערגעטראכט, ווייל די דורות ווערן שוואכער, און מען דארף חושש זיין אז אפשר איז ער נישט אנקומען צו די ריכטיגע און אמת'ע פסק.

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: ארץ ישראל הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
אמעריקע הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו
זרע שמשון ע"ר 580624120